דאָס זאָגט דער ערשטער און דער לעצטער,
וועלכער איז געווען טויט און איז לעבעדיק געוואָרן:
9 איך קען דיין צרה און אביונות—דאָך ביסטו רייך—
און די לעסטערונג פון יענע, וועלכע זאָגן, אַז זיי
זענען ייִדן, און זענען עס נישט, נאָר זענען אַ בית
10 הכנסת פונם שטן. האָב נישט מורא, וואָס דו גייסט
ליידן; זע, דער טייוול וועט אַרייַנוואַרפן אייניקע פון
אייך אין תפיסה אַריין, כּדי איר זאָלט אויסגע־
פּרוּווט ווערן; און איר וועט האָבן צרות צען טעג.
זיי געטריי ביז צום טויט, און איך וועל דיר געבן
11 די קרוין פון לעבן. ווער עס האָט אויערן, דער
זאָל הערן, וואָס דער גייסט זאָגט צו די קהלות.
דער, וואָס איז מנצח, וועט בשום אופן נישט
ליידן פון צווייטן טויט.
12 און צו דעם מלאך פון דער קהלה אין פּערגאַמוס
שרייב:
דאָס זאָגט דער, וועלכער האָט די שאַרפע צוויי־
13 שניידיקע שווערד: איך ווייס, וואו דו וואוינסט:
דאָרטן, וואו עס איז דעם שטנס טראָן; און האַלטסט
פעסט מיין נאָמען, און האָסט נישט אָפּגעלייקנט
מיין אמונה, אפילו אין די טעג פון אַנטיפּאַס, מיין
געטרייען עדות, וואָס איז געטייט געוואָרן ביי אייך,
14 וואו דער שטן וואוינט. נאָר איך האָב אייניקע זאַכן
קעגן דיר: אַז דו האָסט דאָרטן די, וואָס האַלטן
פעסט די לערנונג פון בלעם, וועלכער האָט געלערנט
בלקן צו וואַרפן אַ מכשול פאַר די בני ישראל, צו
עסן פון קרבנות צו אָפּגעטער און מזנה־צו־זיין.
15 פונקט אַזוי האָסטו אויך אַזעלכע, וואָס האַלטן פעסט
די לערנונג פון די ניקאָלאַאיטן אויף אַן ענלעכן
16 אופן. דעריבער טו תשובה; און אויב נישט, וועל
איך קומען צו דיר געשווינד, און וועל מלחמה־האַלטן